ב. עס איז דא נאך אן ענין וואס מען קען ארויסנעמען פון אחש"פ, און דאס איז, וואס נאך קרי"ס – וואס דאס איז געווען שביעי של פסח – זיינען אידן געבליבן ביים ים און האבן זיך עוסק געווען אין ביזת הים, ביז אז משה האט זיי געדארפט מכריח זיין צו גיין ווייטער – ויסע – בעל כרחם (שמות טו,כב פרש"י), וואס בפשטות קומט אויס אז דער "ויסע" איז געווען באחש"פ,

וואס לכאורה איז דאס אינגאנצן ניט מובן: בשעת קרי"ס איז דאך געווען גילוי אלקות אין אזא אופן, אז אידן האבן געזאגט "זה א-לי", "מראה באצבעו ואומר זה", און דאס איז ניט געווען נאר ביי יחידי סגולה, נאר "ראתה שפחה על הים מה שלא ראו גדולי הנביאים", איז במילא בשעת אידן האבן געוואוסט אז מ'דארף גיין צו קבלת התורה, ווי קומט דאס אז זיי האבן זיך אזוי שטארק פארנומען מיט ביזת הים, אז עס האט געמוזט זיין ויסע – בע"כ, צו גיין מקבל זיין תורה? זיי וואלטן דאך געדארפט גיין מצ"ע, אפי' אן א ציווי פון משה, ועאכו"כ אז עס האט ניט געדארפט זיין ויסע – בע"כ?

מוז מען זאגן אז דער גילוי אלקות בשעת קרי"ס האט ביי זיי גע'פועל'ט, אז זיי זאלן זיך וועלן פארנעמען מיט ביזת הים, און דער גילוי גופא האט גורם געווען דערצו, אז ווען ניט דר כפי' פון משה רבינו וואלטן זיי דארטן ווייטער געבליבן.

איז דער ביאור בזה בפשטות: דער אויבערשטער האט דאך צוגעזאגט אברהם אז "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", וואס דערפאר האט געדארפט זיין דער "ושאלה אשה משכנתה גו' כלי כסף וכלי זהב", און דערפאר האבן אידן זיך עוסק געווען אין ביזת הים, בכדי צו מקיים זיין די מצוה פון "ואח"כ יצאו גו'", משא"כ אויף גיין צו קבלת התורה האבן זיי ניט געהאט קיין ציווי, און דערפאר איז ביי זיי געווען אפגעלייגט אז א זאך אויף וואס זיי זיינען מצווה קומט פאר א ענין וואס זיי זיינען ניט געווען מצווה אויף דעם,

און הגם אז עס שטייט "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה", איז ערשטנס איז דאס געזאגט געווארן צו משה, ניט צו אלע אידן, און נאכמער: דער "בהוציאך גו'" איז ניט געווען א ציווי אויף גיין צו מ"ת; דער אויבערשטער האט נאר אנגעזאגט משה רבנו ווי וועט זיין דער סדר השתלשלות המאורעות,

ובמילא, וויבאלד אז ס'איז נאך געבליבן ביזת הים (וואס דאס איז מובן בפשיטות אז זיי זיינען געבליבן צוליב די ביזה וואס איז נאך איבערגעבליבן, ווארום אויב עס וואלט שוין ניט געבליבן קיין ביזה, איז וואס האבן זיי דארטן געהאט צו טאן – אין א מדבר בלתי מיושב און וואס האבן זיי געדארפט כפייתו של משה אויף אוועקגיין פון דארטן), איז ע"פ דין זיינען זיי געווען מחוייב צו מקיים זיין דעם "וינצלו את מצרים",

– און דאס האט ניט קיין שייכות צו די שקו"ט אויב אידן האבן געהאט א דין פון ב"נ צי ניט וכו', ווארום דאס איז קיין נפק"מ ניט בנוגע דעם ענין –

וואס דאס איז דער ביאור בפשטות, ועד"ז בפנימיות הענינים: דער ציווי פון "ושאלה אשה וגו'", און דער ענין פון "וינצלו את

– מצרים –

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 85 הודפס ע"י אוצר החכמה

מצרים", איז געווען (בפנימיות הענינים) צוליב בירור הניצוצות וואס ס'זיינען געווען אין די כלים פון די מצריים, וואס דאס איז אויך מבואר אין נגלה, און ווי רש"י איז מפ' אויף "ויקם שדה עפרון" - "תקומה היתה לו וכו'", אז דורכדעם וואס דער שדה איז ארויס פון עפרון'ס רשות און איז אריין צו אברהם'ן - וואס א' הי' אברהם - איז געווארן א שינוי און א עלי' אין דעם פעלד, ועד"ז בנוגע צו די כלי כסף וכלי זהב כו' פון די מצריים,

און וויבאלד אז דאס איז געווען א מצוה שא"א לעשותה ע"י אחרים, איז ניט נאר וואס דאס ווערט ניט נדחה מצד לימוד התורה, נאר אדרבה - מ'איז מבטל ת"ת צוליב דעם, און ווי דער אלטער רבי ברייננגט דאס אראפ בשו"ע שלו און אויך אין אגה"ק, וואס דערפון איז פארשטאנדיק, סיי מצד שו"ע, סיי מצד חסידות, סיי מצד סכל, אז יעמולט האבן זיך אידן געדארפט פארנעמען מיט ביזת הים, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס מ'דארף גיין צו מ"ת,

- דערביי איז דא א מאמר המוסגר, א ענין בלתי מובן לגמרי: ס'איז דאך געווען "וינצלו את מצרים", און ווי די גמ' איז נאך מדגיש אין דעם, אז "עשאוה כמצולה שאין בה דגים", און "כמצודה שאין בה דגן", אז ס'איז דארט גארניט געבליבן, ואעפ"כ איז אויך געווען ביזת הים, און ביז אז גדולה ביזת הים מביזת מצרים? ואין כאן מקומו -

עפי"ז איז אבער דורש ביאור לאידך גיסא: וויבאלד אז זייער פארנעמען זיך מיט ביזת הים איז געווען עפ"י ציווי הקב"ה, און דאס איז געווען אן ענין נעלה כנ"ל, פארוואס איז טאקע געווען דער ענין פון "ויסע משה את העם" - פארוואס האט משה רבינו מסיע געווען די אידן פון ים סוף בעל כרחם?

אמת טאקע אז ס'איז א דבר ברור אז דאס וואס משה רבינו האט אזוי געטאן איז דאס געווען עפ"י ציווי הקב"ה, אז דער אויבערשטער האט אים אזוי געהייסן, איז דאס אבער בלויז אריבער-געשטעלט די קשיא פון משה רבינו אויפן אויבערשטן: פארוואס האט דער אויבערשטער געהייסן משה רבינו ער זאל מסיע זיין די אידן פון י"ס און אוועק נעמען זיי פון די עבודה פון ביזת הים?

איז דער ביאור בזה: די בירורים וואס זיינען תלוי בזמן, ע"ד ווי די מצוות שהזמן גרמא, איז אין דעם זמן איז דאס א מצוה, אבער ווען עס ענדיקט זיך די זמן פון דער מצוה - ווען עס ענדיקט זיך זמנו - איז דאס שוין ניט קיין מצוה,

ע"ד ווי די מצוה פון אכילת מצה, איז דא דער ציווי "שבעת ימים תאכלו מצות", און מ'דארף עסן מצה זיבן טעג, ובגלויו (אויך) אן אכטער טאג, איז אין די טעג איז אכילת מצה א מצוה, אבער נאך די זיבן - אכט טעג איז דאס שוין ניט קיין מצוה; ולכאורה, ווען מ'עסט מצה איז דאס ווי מ'עסט אלקות ווי ס'איז מבואר אין חסידות, איז פארוואס זאל ער ניט עסן מצה אויך נאך די זיבן - אכט טעג? די מצה האט זיך ניט געביטן, די וועלט האט זיך ניט געביטן, דער איד וואס עסט די מצה האט זיך ניט געביטן (נאך די טעג), איז פארוואס זאל ניט זיין די מצוה פון אכילת מצה א נייעטע טאג וכו'? נאר די הסברה בזה איז: אזוי איז ארויס-

- געשטעלט -

הנחת הח' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 86 הודפס ע"י אוצר החכמה

געשטעלט די מצוה פון אכילה מצה - אז דאס איז פארבונדן מיט א זמן מיוחד; אין דעם זמן איז דאס א מצוה, אבער נאכן זמן איז דאס שוין ניט דער ענין; ועד"ז איז דאס אויך בנוגע צו אלע מצוות וואס זיינען תלוי בזמן: אין דעם זמן וואס מ'דארף מקיים זיין די מצוה איז דאס א מצוה, אבער ווען עס ענדיקט זיך די זמן פון קיום המצוה איז שוין ניטא די מצוה,

איז לאחרי מ"ת זיינען די אלע ענינים ווי תורה האט אויס-געשטעלט די זמנים פון קיום המצוות, און פאר מ"ת האט דער נותן התורה אויסגעשטעלט די זמן מיוחד פארן קיום פון יעדער מצוה, און ווען עס ענדיקט זמן מיוחד זה איז דאס שוין אויס מצוה,

ועד"ז איז געווען אין דעם ענין: אין דעם זמן וואס די אידן האבן זיך עוסק געווען בביזת הים, איז דאס טאקע געווען א מצוה פון דעם אויבערשטן, און א מצוה נעלית ביותר וכו', ובמילא האבן זיך אידן דעמאלט פארנומען מיט ביזת הים, און זיי זיינען געלעגען אין דעם איינגאנצן, דאס איז אבער אלץ אין דעם זמן; ווען עס איז אבער געקומען דער ציווי פון דעם אויבערשטן אז איצטער דארפן זיך אידן אנהייבן גרייטן זיך צו קבלת התורה - אן אנדער עבודה, האט זיך געענדיקט די זמן פון קיום מצוה זו ובמילא איז דאס געווארן אויס מצוה, און דערפאר האט זיי משה רבינו מסיע געווען פון י"ס בעל כרחם, ווארום עס האט זיך דעמאלט געענדיקט די זמן פון די עבודה, איז דאס שוין ניט געווען קיין מצוה,

און דאס איז וואס מ'זאגט אז משה רבינו הסיעם בעל כרחם, וואס ס'איז ניט דער פירוש בזה אז דיבורדן של משה האט זיי געצוואונגען צו אוועקגיין פון י"ס, און דאס מיינט בע"כ, נאר דער פירוש בזה איז אז זייער פריערדיקן מצב איז זייער אוועקגיין פון דעם געווען אין אן אופן של בעל כרחם, ווארום די אידן זיינען געווען אינגאנצן ארייננעטאן אין די עבודה פון ביזת הים, ואדרבה: וויבאלד אז די אידן זיינען דעמאלט געשטאנען אין דעם מעמד ומצב פון "זה א- לי ואנוהו" - מראה באצבע ואומר זה, האבן זיי זיך עוסק געווען אין ביזת הים מיט נאך מער חיות: ווען א איד ווייס אז דער אויבערשטער שטייט און קוקט זיך צו ווי ער איז מקיים א מצוה, טוט ער דאס מיטן גרעסטן חיות, און וויבאלד אז זיי זיינען דעמאלט געווען מיוחד אינגאנצן מיט די עבודה פון ביזת הים - דאס איז געווען זייער גאנצן מציאות, איז די אוועק-גיין דערפון אין אן אופן פון בעל כרחם, לויט דעם מצב אין וועלכן זיי זיינען פריער געשטאנען,

און דערפון האט מען ארויס די הוראה אז אפילו ווען א איד איז אינגאנצן ארייננעטאן אין א געוויסע עבודה, מ"מ, ווען עס קומט די זמן וואס ער דארף אנהייבן א צווייטער עבודה, פוז ער אוועקגיין פון די עבודה "בעל כרחך", אבער דאס איז באופן כזה אז ביי עם זאל דערנאך זיין "אתה חי" - ער הייבט אן לעבן אין אן אנדער עבודה,

ד.ה. אז אפילו אויב ער איז פארנומען מיט אן עבודה נעלית, פונדעסטוועגן, ווען עס קומט דער ציווי פון משה רבינו, און "אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא" (ת"ז תס"ט), ביז צו כ"ק מו"ח נשיא דורנו, אז איצטער איז די זמן וואס ער דארף גיין לערנען



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 87 הודפס ע"י אוצר החכמה

תורה און מקבל זיין די תורה, גייט ער אוועק מעבודתו הקודמת בעל כרחו (לויט זיין פריערדיקן מצב כנ"ל) און ער לייגט זיך אריין אינגאנצן אין די הכנות צו קבלת התורה ולימוד התורה וכו׳ מיט זיין גאנצע חיות.

און דאס איז אויך וואס מ׳זאגט זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד, און ביידע פון זיי דארפן זיין אין אן אופן פון "בכל מאדך", ד.ה. אז ווען עס איז זמן תפלה דארף ער (דעמאלט) ליגן אינגאנצן אין עבודת התפלה, און אין אן אופן פון "בכל מאדך" - בל"ג, ואעפ"כ, ווען עס ענדיקט זיך זמן תפלה און עס קומט די צייט וואס ער דארף לערנען תורה, מוז ער אוועקגיין - "ויסע" - פון עבודת התפלה און אריינטאן זיך אין לימוד התורה, און ליגן (אויך) אין דעם אינגאנצן, אין אן אופן פון "בכל מאדך" (כנ"ל) - בלי גבול.

און דאס איז איינער פון די הוראות פון אחש"פ, אין דעם ענין פון "ויסע" (בע"כ) - אז פון א אידן מאנט מען א דבר והיפוכו: אין דעם זמן מוז ער ליגן אינגאנצן אין דעם ענין, מיט זיין גאנצע חיות, ביז אז זיין אוועקגיין פון די עבודה איז בעל כרחו (פון זיין מצב הקדום), ווארום ער איז אריינגעטאן לגמרי אין דעם וואס ער טוט), און פונדעסטוועגן, ווען עס קומט די צייט אין וועלכע עס דארף זיין א צווייטער עבודה, גייט ער אוועק פון זיין פריערדיקע עבודה און לייגט זיך אריין אינגאנצן אין די צווייטע עבודה.

ע"ד ווי די סיפור וואס כ"ק מו"ח האט דערציילט, אז איין מאל האט ער צוגעקוקט צו א סוג אנשים וואס האט זיך פאר׳דבק׳ט אין "אחד", האט אים דערנאך יענער געזאגט "פאסטע איינע מינוטע" [וואס יענער איז געווען א דייטש׳יסט איד, האט ער געזאגט "פאסטע איינע מינוטע"] - אז ער האט זיך פאר׳דבק׳ט אין "אחד" א גאנצע מינוט, וואס יענער איז דאך געווען אן איש אמת, האט ער געקוקט אויפן זייגער בתחלת הדביקות ובסוף הדביקות שלו, און דערנאך האט ער (זיך באדימט און) געזאגט "פאסטע איינע מינוטע" - ער האט זיך פאר׳דבק׳ט אין "אחד" א גאנצע מינוט,

וואס דאס איז דאך א ווילדע הנהגה, ס׳איז דא אזוינע וואס ווילן דאס (די הנהגה) אנרופן דרך ארץ (און דאס איז עפ"י תורה) וכו׳, אבער באמת איז דאס היפך פון דרך ארץ (און היפך התורה?), דאס איז א ווילדע הנהגה, און מ׳דארף דאס שולל זיין לגמרי: אבער די נקודה וואס מ׳דארף פון דעם אפלערנען איז, כנ"ל, אז אע"פ אז ער ליגט אינגאנצן אין זיין דביקות ב"אחד", וואס אזוי דארף דאך זיין, פונדעסטוועגן, ווען עס ענדיקט זיך די זמן פון די עבודה און עס קומט די צייט וואס ער דארף טאן א צווייטער עבודה, דארף ער אוועקגיין פון זיין דביקות אין ק"ש און ארייגלייגן זיך אין די אנדערע עבודה,

און דאס איז נוגע אין אלע ענינים: עס קען זיין אז א איד זאל ביי זיך טראכטן: זיין עבודה איז בלויז קיום המצות, ער גיט צדקה וכו׳, און ער טוט מיט גרויס חיות וכו׳, און דאס איז כל עסקו, זאגט מען עס אז כאטש ער ליגט טאקע אינגאנצן אין קיום

-- המשך --

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 88 הודפס ע"י אוצר החכמה

המצות ונתינת הצדקה וכו׳, פונדעסטוועגן, ווען עס קומט די צייט וואס מ׳דארף גיין מקבל זיין די תורה, דארף ביי עם זיין "ויסע" - ער זאל אוועקגיין פון זיין עבודה בקיום המצות און זעצן זיך לערנען תורה, און לערנען תורה מיט א חיות וכו׳ - ליגן אינגאנצן אין לימוד התורה,

ועד"ז פארקערט: דער וואס זיין גאנצער ענין איז לימוד התורה, ער לערנט תורה די גאנצע צייט, איז אבער ווען עס קומט די צייט וואס מ׳דארף טאן אין הפצת המעיינות, דארף ער אוועק גיין פון זיין לערנען און זיך עוסק זיין בהפצת המעיינות חוצה; אע"פ אז ער קען דאך ביי זיך טראכטן: וואס האט ער וואס צו גיין אין חוצה (און טאן דארטן אין הפצת המעיינות והפצת היהדות וכו׳)? ער וועט בעסער בלייבן אין "פנים", ער וועט מקיים זיין דער ענין פון - ווי מ׳האט געלייענט אין די פריערדיקן סדרה - "ומפתח אהל מועד לא תצאו גו׳", ער וועט זיצן און לערנען תורה; זאגט מען עס אז ווען עס קומט דער זמן וואס ער דארף טאן אין הפצת המעיינות, איז כאטש ער זיצט און לערנט תורה, דארף איצטער זיין "ויסע" - דו דארפסט אוועק גיין פון דעם מעמד ומצב באופן של "בעל כרחך" און עס דארף ביי דיר אנהייבן "אתה חי" - אנהייבן לעבן - אין אן אנדער עבודה, אין די עבודה פון הפצת המעיינות חוצה, אוועקגיין אין חוצה און מפיץ זיין דארטן די מעיינות מיט א חיות וכו׳.

ועד"ז בנוגע צו עבודת התפלה: עס קען דאך זיין אז א איד זאל זיך עוסק זיין אין לימוד התורה וקיום המצוות, און מיט א חיות, איז אבער ווען עס קומט די צייט אין וועלכע ער דארף זיך עוסק זיין אין עבודת התפלה, דארף ער אוועקגיין פון זיין עבודה בלימוד התורה וכו׳ און אנהייבן עוסק זיין אין עבודת התפלה, און אין תפלה באריכות וכו׳, אין אן אופן פון "בכל מאדך", ואדרבא: ווי קען עס טאקע זיין אז א איד זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצות מיט אן אמת׳ע חיות, איז דאס ע"י וואס ער איז זיך פריער מתבונן אין גדלות הא-ל ושפלות האדם (וואס די התבוננות איז מוסיף חיות אין עבודת ה׳), וואס דאס איז דער ענין פון עבודה התפלה, איז דורכדעם וואס ער דאוונט׳ווי עס דארף צו זיין, ביז אין אן אופן פון "בכל מאדך", איז אויך שפעטער ווען ער גייט אוועק מבהכ"נ לבהמ"ד איז ניכר אין זיין לימוד התורה (שלאחרי התפלה) די חיות וואס ער האט געהאט ווען ער האט געדאוונט - ער איז ממשיך דער ענין פון "בכל מאדך" (שבתפלה) אין זיין לימוד התורה, אז ער לערנט מיט א גרעסערע חיות וכו׳; ועד"ז שפעטער ווען ער גייט אוועק מביהמ"ד אין הנהג בהם מנהג דרך ארץ - אין די עבודה פון קיום המצות, איז אויך ניכר אין זיין קיום המצות די חיות פון עבודת התפלה, אז אויך זיין עבודה בקיום המצות איז אין אן אופן פון "בכל מאדך".

און דאס איז די כללות׳דיקע הסברה אין דעם ענין פון "ויסע", כנ"ל, אז דאס וואס משה רבינו האט געדארפט מסיע זיין די אידן בע"כ איז דאס דערפאר וואס די אידן האבן זיך עוסק געווען בביזת הים עפ"י ציווי הקב"ה,

- וואס -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 89 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס גיט דאך א הסברה אין נאך אן ענין וואס איז ניט פארשטאנדיק: צוליב וואס האבן זיך די אידן פארנומען אזוי פיל מיט ביזת הים, צו נעמען די זהב וכסף וכו', לכאורה וויבאלד אז זיי זיינען דערנאך געגאנגען אין א מדבר, איז די גאנצע זהב וכסף וכו' געווען ללא כל תועלת? אין א מדבר קען מען ניט האבן קיין שום תועלת פון זהב און כסף וכו', איז וואס האבן זיך די אידן פארנומען אזוי פיל מיט ביזת הים, וויבאלד אז פאר זיי איז סיי ווי ניט געווען קיין תועלת אין דעם? און (אויך) אויב עס וואלט מקויים געווארן דער ענין פון "אילו זכו" וואלט יציאת מצרים געווען די גאולה שלימה - וואלט מען זיכער ניט געדארפט האבן די זהב וכסף מיט די אלע ענינים, איז וואס האבן זיך די אידן געיאגט נאך דעם? און כדי לקנות (זאכן) מתגרי אומות העולם איז געווען גענוג איבערן קאפ דאס וואס זיי האבן געהאט פון ביזת מצרים (און ביזת הים),

נאר עפ"י הנ"ל איז דאס פארשטאנדיק: וויבאלד אז דאס (זייער פארנעמען זיך מיט ביזת הים) איז געווען עפ"י ציווי הקב"ה (כדי עס זאל זיין "יצאו ברכוש גדול" און דער ענין פון "וינצלו את מצרים"), האבן די אידן געטאן אין דעם מיט א חיות, ניט אריין גייענדיק אין קיינע חשבונות, און אן טראכטן - צי זיי וועלן האבן פון דעם אתועלת צי זיי וועלן ניט האבן פון דעם קיין תועלת, נאר וויבאלד אז דאס איז ציווי הקב"ה, איז מען דאס מקיים בשמחה אפילו אויב ער זעט ניט אין דערויף קיין תועלת פאר אים,

און דאס איז אויך א הוראה לכל או"א בעבודתו: אפילו אויב א איד זעט ניט וואס פאר א תועלת ער דזעט האבן פון זיין עבודה בקיום המצוות, אדער ער זעט ניט וואס פאר א תועלת עס איז דא אין זיין לערנען תורה, אדער ער טראכט אז ער האט ניט קיין תועלת פון זיין דאווענען, איז נאך וואס דארף ער זיך פארנעמען מיט די ענינים מתוך חיות ושמחה וכו' - לערנט אונז אחש"פ אין דעם ענין פון "ויסע" אז וויבאלד ער האט א ציווי פון דעם אויבערשטן, צי אין דעם ענין פון קיום המצוות, צי דער ענין פון לימוד התורה, צי דער ענין פון עבודת התפלה, איז אפילו אויב ער זעט ניט אין דעם לכאורה קיין תועלת, מ"מ וויבאלד דאס איז דעם אויבערשטנס א ציווי, מאכט ער ניט קיינע חשבונות, און ער לייגט זיך אריין אין דעם אינגאנצן, מיטן גאנצן חיות, ביז אז זיין אוועקגיין פון דעם איז אין אן אופן פון "ויסע משה" - בעל כרחו.

וואס דאס איז בכללות די הוראה פון אחש"פ וואס דעמאלט איז געווען "ויסע משה את העם", און די כוונה בזה איז אז פון אחש"פ זאל דאס נמשך ווערן בכל השנה כולה, ע"ד ווי דער ענין פון יצי"מ (חג הפסח בכלל, איז דאך ידוע וואס כ"ק מו"ח האט מבאר געווען פארוואס דער אלטער רבי האט ניט אריינגעשטעלט אין סידור "חסל סידור פסח" - ווייל פסח ענדיקט זיך ניט נאר דאס ווערט נמשך שטענדיק,

וואס דאס איז דאך אן אופטו לגבי די אנדערע ימים טובים פון שבועות און סוכות, הגם אז די השפעה פון יעדער יו"ט ווערט

- נמשך -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 76 הודפס ע"י אוצר החכמה

נמשך בכל השנה כולה - די השפעה פון שבועות און חג הסוכות ווערן אויך נמשך על כל השנה כולה, איז דאס אבער בלויז די השפעות פון דעם יו"ט ווערן נמשך בכל השנה אבער נים די יו"ט אליין, משא"כ בנוגע צו חג הפסח ווערט די יו"ט אליין נמשך בכל השנה כולה, פסח ענדיקט זיך נים, נאר ס'איז פאראן די יו"ט פסח עצמו בכל ימות השנה,

ועד"ז בנוגע צו שביעי של פסח און דער ענין פון קרי"ס וכו', ועד"ז דארף דאס זיין בנוגע צו אחש"פ מיט די אלע הוראות ולימודים פון אחש"פ - איז די כוונה בזה זיי זאלן נמשך ווערן בכל השנה כולה,

און בשעת ס'איז דא די עבודה און די הוראה האמורה לעיל אין דעם ענין פון "ויסע" (בע"כ) צו גיין מקבל זיין די תורה, ווערט די עבודה די הכנה עס זאל בקרוב ממש זיין דער ענין פון ויסע את העם צו מקבל זיין תורתו של משיח בגאולה האמיתית והשלימה, וואס דאס איז תלוי במעשינו ועבודתנו איצטער בסיום זמן הגלות, ובשמחה וטוב לבב.

ג. אויב דאס איז אזוי בנוגע צו דער בירור פון כסף וזהב כפשוטו בגשמיות, אז אידן זיינען געלעגן אינגאנצן אין ביזת הים צו מברר זיין און מעלה זיין די ניצוצות שבזה, ביז אז משה רבינו האט זיי געדארפט אוועקנעמען מעבודה זו בעל כרחם כנ"ל - עאכו"כ אז דאס דארף אזוי זיין ברוחניות הענינים, ד.ה. בנוגע צו אידן, ווען עס קומט צו מברר זיין א צווייטן אידן,

ד.ה. אז עס קען דאך זיין אז א איד זאל טענה'ן: ער האט שוין מקרב געווען אזוי פיל און אזוי פיל אידן צו אידישקייט, צו תורה ומצות, איז יעצט קען ער זיך אפרוען פון די ארבעט, און גיין פארנעמען זיך מיט א צווייטער עבודה - זעצן זיך לערנען תורה, לערנט אים אחש"פ אז ס'איז נים אזוי, נאר כל זמן עס איז געבליבן נאך א איד וואס מ'דארף נאך מברר זיין, טאר ער נים אוועק גיין פון די ארבעט נאר ער מוז זיך פארנעמען ווייטער מיט די עבודה פון מעלה זיין נאך א אידן און נאך א אידן,

פונקט ווי עס איז געווען בנוגע צו ביזת הים, אז נים קוקנדיק אויף דעם וואס די אידן האבן שוין געהאט אזוי פיל פון ביזת מצרים, און דערנאך האבן זיי געהאט אזוי פיל פון ביזת הים, פונדעסטוועגן, ווייבאלד עס איז געבליבן נאך ענינים וואס זיי האבן נאך נים מברר געווען, האבן די אידן נים געוואלט אוועק גיין פון די עבודה פון ביזת הים, נאר זיי זיינען דארט געבליבן צו מברר זיין נאך אן ענין און נאך אן ענין, ביז אז משה רבינו האט זיי געדארפט אוועק נעמען מעבודה זו בע"כ, עד"ז דארף זיין די סדר בנוגע צו די עבודה פון מקרב זיין אידן צו אידישקייט, אז אע"פ אז ער האט שוין מקרב געווען כמה וכמה מבני ישראל צו תומ"צ, ובמילא וויל ער יעצט גיין אפרוען זיך און לייגן שלאפן, אדער ער וויל זיך איצטער פארנעמען מיט אן אנדער עבודה וואס איז מער מתאים לפי רוחו, וואס עס ווייזט זיך אויס אז דאס איז



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 91 הודפס ע"י אוצר החכמה

א געשמאקערע עבודה, אדער דאס איז טאקע א געשמאקערע עבודה, ער וויל זיצן און לערנען תורה,

לערנט אונז אחש"פ אז ס'איז ניט נוגע וויפיל אידן ער האט שוין מקרב געווען בו תומ"צ, וויבאלד עס איז געבליבן נאך א אידן וואס ער האט נאך ניט מברר געווען, איז ביז עס קומט משה רבינו, וואס אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא ביז צו דער רבי נשיא דורנו, און זאגט עס אז יעצט דארף ער אוועקגיין פון די ארבעט און אנהייבן גרייטן זיך צו א צווייטער ארבעט, טאר ער ניט אוועק פון די עבודה פון מקרב זיין נאר אידן צו אידישקייט,

ואדרבא, בנוגע צו אידן, איז דאך יעדער איד אן "עולם מלא", איז וויפיל אידן ער האט שוין מקרב געווען, איז אויב עס איז געבליבן נאך איין אידן, איז נאך געבליבן א גאנצע וועלט - אן עולם מלא - וואס ער דארף נאך מברר זיין,

וואס דאס מיינט מען ניט גלאט א פשעט'ל, אדער א דרשה, אדער אן ענין פון מוסר וכו', נאר דאס מיינט מען בנוגע לפועל, (צו) יעדער איינער וואס הערט דאס,

וואס ס'איז דאך א זיכערע זאך אז איינער וואס טוט ניט אין הפצה, איז דאס ניט (סתם) ווייל ער וויל זיין א הולך בטל, נאר ס'איז ווייל ער וויל זיך איצטער פארנעמען מיט אן אנדערע עבודה: ער רעכנט אז ער האט שוין געטאן גענוג אין הפצת המעיינות, ער האט שוין מקרב געווען אזוי פיל און אזוי פיל אידן צו תומ"צ, איז יעצט קען ער גיין פארנעמען זיך מיט אן אנדער עבודה, מיט לימוד התורה וכו', קומט דער טאג פון אחש"פ און לערנט אים אז כל זמן עס איז געבליבן נאך א אידן צו מתקן זיין, איז וויפל ער האט שוין געטאן אין הפצת המעיינות, איז נאך געבליבן אן עולם מלא - א גאנצע וועלט - וואס ער דארף נאך מתקן זיין, וואס דאס איז אפילו בנוגע צו איין איד, עאכו"כ אז ער דארף טאן צו מקרב זיין א צווייטן אידן (נאך דעם) און א דריטן אידן וכו', און ער דארף ליגן אין דעם איינגאנצן, מיט זיין גאנצע חיות, ביז אין אן אופן אז אפילו ווען מ'וויל עס אוועק נעמען מעבודה זו איז דאס בעל כרחו,

און מה-דאך אז בנוגע צו בירת הים כפשוטו איז די הנהגה פון אידן געווען באופן כזה, וואס דאס איז בנוגע צו א דומם (כסף וזהב כפשוטו), עאכו"כ אז עס דארף זיין די הנהגה באופן כזה בנוגע צו די עבודה פון מברר זיין נאך א אידן, וואס דערנאך וועט דער איד אליין ווערן א מברר, ער אליין וועט דערנאך מברר זיין אנדערע אידן, ד.ה. עי"ז וואס ער וועט מתקן זיין דעם אידן וועט דערפון ארויסקומען פירות ופירי פירות עד סוף כל הדורות,

און דאס וואס ער רעדט זיך איין אז ער איז שוין א צדיק גמור, ער האלט שוין נאך קרי"ס - ביי די דרגא פון "זה א- לי ואנוהו", און דערצו האט ער זיך שוין עוסק געווען בבירת הים (לאח"ז) - ער האט שוין אופגעטאן מיט אזוי פיל אידן, איז ער שוין גרייט צו גיין מקבל זיין תורתו של משיח, ובמילא דארף ער שוין מער ניט טאן אין דעם - איז דאס בלויז וואס ער פוילט זיך

-- הארעווע: -

נחה הה' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 92 הודפס ע"י אוצר החכמה

הארעווען מיט זיך, במילא זוכט ער זיך אן אנדער עבודה וואס
וועט זיין גרינגער פאר עם, וכפהבם הידוע "מאזעש דא נעכאצעש"
-- קענען קענסטו נאר דו ווילסט ניט.

און דאס איז די הוראה פון אחש"פ: ווען עס קומט צו אויפ-
טאן מיט א צווייטן איד, איז ניט נוגע וויפיל אידן ער האט שוין
מקרב געווען, כל זמן עס איז געבליבן נאך א איד וואס מ׳דארף
נאך מיט עם אויפטאן אין ענינים פון תומ"צ, ליגט אויף אים א
חיוב צו פארנעמען זיך מיט עם, און ליגן אין דעם אינגאנצן,
ע"ד ווי עס איז געווען די הנהגה פון אידן בנוגע צו ביזת היים,

עס איז דא נאך אן ענין אין אחש"פ, וואס איז פארבונדן
מיט די קביעות פון שנה זו,

אחש"פ איז בכלל פארבונדן מיט די כניסה לא"י, ווארום דער
תכלית פון יצי"מ איז דאך ביאת הארץ, און ביז ווי ס׳איז דא דער
קס"ד - וואס אקס"ד אין תורה איז אויך תורה - אז "והבאתי אתכם
אל הארץ וגו׳" איז פון די לשונות של גאולה, זעט מען
דאך אז אחש"פ איז פארבונדן מיט כניסת הארץ, וואס בשביעי של פסח
האט זיך געענדיקט יצי"מ - ביי קרי"ס - און פון אחש"פ האט זיך
אנגעהויבן דער כניסה לארץ,

וואס דערפאר געפינט מען, אז אויך שפעטער, בשעת כיבוש
הארץ דורך יהושע, האט מען אנגעהויבן דעם כיבוש יריחו באחש"פ,
וואס יריחו איז געווען "מנעולה של ארץ", ובמילא איז פארשטאנדיק
אז דורך איינעמען יריחו האט זיך אנגעהויבן דער כיבוש פון גאנץ
א"י,

און ווי דער חשבון וואס עס שטייט אין סדר עולם רבה, אז
בעשרה בניסן עברו את הירדן, מצד טרחת הדרך האט מען געווארט
איין טאג, און בי"א ניסן נמולו (הנולדים במדבר), בי"ד האבן
זיי געבראכט דעם קרבן פסח, און פון ט"ו ביז כ"א ניסן האבן זיי
געפראוועט יו"ט, און ביום כ"ב ניסן - אחש"פ - האט זיך אנגע-
הויבן די הכנות צו כיבוש יריחו, און זיבן טעג שפעטער - ביום
השבת - איז מען ארומגעגאנגען זיבן מאל, און די אלע ענינים
זיינען געווען אין א מספר שבע, ווי עס ווערט דערציילט אין
יהושע די אלע פרטים, און בשבת האט זיך געענדיקט דער כיבוש
פון יריחו, (וואס דערפאר האט מען געזאגט כל החרם לה׳, ווארום
די שטאט האט מען איינגענומען ביום הש"ק),

- וואס ס׳איז א פלא וואס דער סדר הדורות ברענגט אן
אנדער חשבון, און ער דערמאנט גארניט אז אין סדר עולם רבה
שטייט אנדערש -

עכ"פ קומט דאך אויס, אז אין די זיבן טעג פון כ"ב ניסן
ביז שבת כ"ח ניסן האט זיך אפגעטאן דער התחלה וסיום פון כיבוש
יריחו, וואס דאס איז דאך פונקט ווי ס׳איז דא די זיבן טעג
צווישן אחש"פ ויום השבת בקביעות שנה זו, און ס׳איז דאך
"נזכרים ונעשים", אז בשעת מ׳דערמאנט זיך אויף דעם ענין כדבעי,
ווערט דער "ונעשים",

וואס דער ענין פון יריחו אין עבודה איז, ווי דער אלטער
רבי איז מסביר (לקו"ת מסעי פט,ב) אז יריחו איז דער ענין פון



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 93 הודפס ע"י אוצר החכמה

ריח, וואס ריח איז פארבונדן מיט עבודה התפלה, וכמא' לבעל החוטם אני מתפלל, און אזוי זעט מען אויך פון דעם וואס תפלות במקום תמידין תקנום, וואס דער ענין פון א קרבן איז דאך צו אויפטאן דעם "ריח ניחח לה'",

איז לפי קביעות ש.ז., וואס דער קביעות איז בדוגמא ווי ס'איז געווען בשעת כיבוש יריחו, ווערט נתעורר דער ענין התפלה און מען דארף אין דעם טאן כאו"א אין זיין עבודה,

וואס ס'איז דא דער "כיבוש הארץ" ביי יעדן איינעם, וואס ער דארף מאכן פון זיין "ארץ" אן "ארץ סרצתה לעשות רצון קונה", דאס פועל'ט אויף אלע זיינע ענינים, און דורכדעם וואס ער נעמט איין זיין ארץ, נעמט ער איין די גאנצע וועלט,

און דער "כיבוש הארץ" טוט זיך אויף דורך יריחו - עבודת התפלה, וואס פונקט ווי ס'איז געווען בפשטות אז אידן האבן איינגענומען יריחו דורך תפלה, און דורך יריחו (מנעולה של ארץ) האט מען איינגענומען גאנץ א"י, עד"ז מאנט מען אז ער זאל איינ-נעמען זיין ארץ דורך עבודת התפלה,

און ער זאל ניט טענה'ן אז מדאורייתא האט ער דאך שוין יוצא געווען ענין התפלה, און דערנאך איז תפלה מערניט ווי מדרבנן וכו', און אפילו דעם דרבנן איז ער יוצא מיט תפלה סתם, און פארוואס דארף ביי עם זיין עבודת התפלה,

זאגט מען אים, אז ס'איז דא דער ברידו פון אלטן רבי'ן, אז דער וואס ווייס ניט דער הכרח פון עבודת התפלה איז "לא ראה מאורות מימיו", און ביז ווי ס'איז מבואר אין לקו"ת (בלק ע,ז) אז תפלה איז ע"ד דער חוט השדרה שבאדם, וואס דער תוט גייט ניט אדייך אין מנין פון די ח"י חוליות, און פון די אברי הגוף, אבער דוקא דער חוט השדרה איז מעמיד דעם גאנצן גוף, ועד"ז איז די עבודת התפלה אין דער פרי פועל'ט אויף דעם גאנצן טאג, אז במשך כל היום איז אויף אים ניכר אז דא איז א איד וואס האט זיינט געדאווענט,

ובפרט ביום השבת, וואס זיין ענין העיקרי איז עבודת התפלה, און ביז מ'זאגט אז די תפלות פון א גאנצע וואך זיינען עולה אין שבת, און די תפלות החול זיינען א הארה פון תפלת שבת,

און די עבודה ביום השביעי (שבת) ברייננט צו דעם יום השמיני, וואס דאס גייט אויף משיח'ן, וואס כנור של ימוה"מ של שמנה נימין, יבא זיגאלנו ובקרוב ממש.

ד. מאמר כעין שיחה עה"פ ויהי ביום השמיני וגו'.

ה. כרגיל אויף לערנען א פסוק אין פ' השבוע מיט פירוש רש"י איז אין היינטיקער סדרה דא א רש"י מיט צוויי דבור המתחיל'ס, וואס ביידע זיינען לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, און הגם אז מפרשי רש"י שטעלן זיך אויף דעם און זיינען דאס מבאר, איז אעפ"כ זיינען די פי' ניט אין דרך פון פשוטו של מקרא,

- וואס -

ניחת הה' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 94 הודפס ע"י אוצר החכמה